מאמר השקפה
חג הפסח
שנת תשפ"ה לפ"ק

## מאשין מצות-יומען העיר שייטל ביים סדר

# וואס זאגט דער צאנזער רב ז"ל?!....

אה, חג המצות, חג הפסח, זמן חירותינו, ראשון למקראי קודש זכר ליציאת מצרים.

חכמינו ז"ל זאגן אז אידן זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים בזכות **שלא שינו שמם, לשונם, ולבושם.**

אין די ספרי קודש וואס מיר לערנען, באגעגענען מיר כסדר די ענינים, דברי התעוררות, אז די גאולה העתידה איז אויך תלוי אין די דריי יסודות.

אז מיר קוקן מיט א בליק פון תשפ"ה, **שלא שינו...**

**שמם:** ביי טייל געגנטער פון אונזערע באבעס אינדערהיים פלעגט מען זיך אנרופן אויף גוי'אישע נעמען, עס איז געווען א פראבלעם אמאל, אבער ב"ה, ווי עס זעהט אויס איז נישט דאס די נושא כהיום הזה.

**לשונם:** דאס איז נאך יא א נגע ממארת, אין אונזערע היימישע קרייזן רעדט מען היפש ענגליש -מיידלעך און ווייבלעך צווישן זיך רעדן די גוי'אישע שפראך - אין דער צייט וואס זיי קענען פירן די זעלבע געשפרעכן אויף אידיש.

ב"ה אין רוב אייגענע קרייזן, ווי וויליאמסבורג, קרית יואל, שיכון סקווירא, און אנדערע ערליכע געגנטער, איז יא געבליבן שטארק דער שפראך 'אידיש', אבער אביסעלע ארויס פון די גאר אפגעהיטענע שטעט - ווען מ'אבזערווירט דעם ברייטן מצב - אידישע טעכטער צווישן זיך רעדן אסאך ענגליש. און... עס טוט זייער וויי, עס איז א חלק פון די ירידת הדורות.

פשוט, מ'טראכט נישט אריין גענוג אין דאס חשיבות און אז דאס איז צווישן די יסודות פון די גאולה, **שלא שינו לשונם.**

## די יסודות האבן זיי געהאלטן

מיר ווילן אבער דא געבן דאס ארט פאר התבוננות איבער די נושא פון '**שלא שינו לבושם**'.

אידישע קינדער האבן אין די שווערסטע צייטן נישט געטוישט זייער לבוש.

חכמינו ז"ל זאגן אז אין מצרים זענען אידן געווען פארזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, ולא יכלו להתמהמה, ווייל מיט נאך אביסל צייט וואס זיי וואלטן געבליבן אין די זוהמא וואלטן זיי פארפאלן געווארן אויף אייביג ח"ו.

אבער דאך, זיי האבן נאך געהאט עפעס כוחות, זיי האבן נישט געטוישט זייער לבוש, זיי זענען געבליבן געקליידעט ווי אידישע קינדער, יעדער האט זיי דערקענט פונדערווייטנס "דאס איז א אידיש קינד", "זיי זענען די וואס קומען פון ארץ גושן", מ'דערקענט זיי פונדערווייטנס אז זיי זעען אויס אנדערש געקליידעט, דאס האט אנגעהאלטן א חומת הבדלה בין ישראל לעמים, אפילו עס איז אריבער 210 לאנגע יארן. דאס האט גורם געווען, אפילו במשך יענע דורות זענען אידן ליידער געפאלן זייער טיף, זיי האבן געהאט גרויסע ירידות אין מצרים, זיי זענען ליידער אנגעקומען ביז צו די מ"ט שערי טומאה, אבער דאס אז זיי האבן אנגעהאלטן די יסודות, שם, לשון, מלבוש, דאס האט זיי געהאלטן, דאס האט זיי געברענגט אז דער הייליגער באשעפער האט זיי מכתיר געווען צום "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", און 50 טעג שפעטער האבן זיי זוכה געווען צו שטיין ביים בארג סיני און מקבל זיין די תורה הקדושה.

ווייל אינעם שווערסטן מצב האבן זיי געהאט גדרים וסייגים, זיי האבן זיך געהאלטן צו זייערע פרינציפן, זיי האבן געהאט יסודות, און דאס איז געווען זייערע גאראנטי, וואס דאס האט זיי עווענטועל געברענגט צו קבלת התורה.

## מ'קען נישט בויען דורות מיט שקר

שטייענדיג יעצט פאר'ן יום טוב פסח תשפ"ה, אז מיר קוקן זיך ארום אויפ'ן מצב הדור, מ'באטראכט דעם ציבור "מחנה אלקים" קעגן "מחנה מגושמים".

יא, ברוך בשם, עס איז זייער קלאר בלי ספק אז "מחנה אלקים" טראגט בגאון ועוז דעם פאן אלס דער געווינער. זיכער אז די סטרא אחרא דרייט זיך ארום מיט אן אראפגעלאזטע נאז, ער האט אין די לעצטע תקופה געכאפט ממש מכות אכזריות, דער 'יצרא דעריות' איז געווארן איבערגעלייגט און מ'האט אין אים אריינגעשמיסן אזעלכע מערדערישע קלעפ אז מ'האט געהאפט אז ער וועט בלייבן א טויטער אונטערן פאסיג.

**יא, ברוך השם, עס איז זייער קלאר בלי ספק אז "מחנה אלקים" טראגט בגאון ועוז דעם פאן אלס דער געווינער. זיכער אז די סטרא אחרא דרייט זיך ארום מיט אן אראפגעלאזטע נאז, ער האט אין די לעצטע תקופה געכאפט ממש מכות אכזריות, דער 'יצרא דעריות' איז געווארן איבערגעלייגט און מ'האט אין אים אריינגעשמיסן אזעלכע מערדערישע קלעפ אז מ'האט געהאפט אז ער וועט בלייבן א טויטער אונטערן פאסיג.**

לאמיר נאר געבן א קליינעם בליק איבער אונזערע גרעסערע קהילות קדושות בישראל אין ניו יארק, וואס עס האט זיך געטון אין די נושא פון צניעות.

אנגעהויבן אין ק"ק **סאטמאר:** דארט איז צניעות א נושא וואס איז אלעמאל עומד על הפרק, דארט לאזט מען נישט אויס קיין געלעגנהייט צו רעדן איבער דעם חלק פון צניעות. **מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה** פלעגט יום הקדוש ביינאכט מיט די ספר תורה אין די הענט זיך בעטן מיט בכיות נוראות צו די פרויען אין עזרת נשים: "**ענקערע טאטעס און מאמעס האבן זיך אינגאנצן געלאזט פארברענען אויף קידוש השם, פון ענק בעט מען נישט מער ווי אביסעלע האָר**".

פון די הייליגע טרערן האט דער צדיק אמת געבויעט א כלל ישראל, און אין די סאטמארע קהילות האט מען אלעמאל געוואוסט וואס עס איז חשוב ביים רבי'ן.

אויך דאס איז נישט קיין סוד, אז בשנת תשכ"ח, ווען דער רבי ז"ל איז געווען אין פלארידא האט ער גערעדט - בעיקר מיט'ן מנהל פון כולל אברכים הרה"ח המפו' ר' יצחק לעווי ז"ל - אז ווען ער קומט אהיים וועט ער זיך נעמען צו די עבודה פון 'אויסטון די שייטלען אינגאנצן'. אבער ליידער ווי נאר ער איז אהיים געקומען איז ער אוועק געפאלן מיט'ן סטראו"ק ה"י, ולא עלתה בידו אויסצופירן זיין באגער.

בשנת תשל"ד איז געווען א איינמאליגע געלעגענהייט ווען הרבנית הצדיקת אלטא פיגא ע"ה האט אויפגעטרעטן ביי א פארטי פאר די נשים צדקניות, האט זי נאכגעזאגט בשם איר הייליגן מאן רביה"ק ז"ל **"ווען איך וואלט געווען געזונט וואלט שוין נישט געווען קיין איין שייטל ביי אונז"**.

עס טוט אזוי וויי, ווען מ'זעהט די זעלבע אידן וואס זענען זיך אזוי מוסר נפש צו ווען וויסן וואס **'דער רבי האט געוואלט'**, **'וואס דער רבי האט געזאגט'**, **'וואס דער רבי האט געמיינט'**, אבער דאס אז דער זעלבער איד האט אין שטוב די היינטיגע גע'אסר'טע האר-שייטלעך וואס מ'טאר נישט זאגן קיין ברכה אין זייער געגנווארט, נאר דאס איז 'וישכחו' מיט פינטעלעך...

קען מען דען מיט אזא שקר אהערשטעלן א געזונטע שטוב?!

**בשנת תשל"ד איז געווען א איינמאליגע געלעגענהייט ווען הרבנית הצדיקת אלטא פיגא ע"ה האט אויפגעטרעטן ביי א פארטי פאר די נשים צדקניות, האט זי נאכגעזאגט בשם איר הייליגן מאן רביה"ק ז"ל "ווען איך וואלט געווען געזונט וואלט שוין נישט געווען קיין איין שייטל ביי אונז".**

**... דער רבי האט אייך געשיקט א בריוו אהיים, לייענט דאס פאר ביים 'סדר טיש' פאר אייערע קינדער און אייניקלעך מיט טרערן אין די אויגן, עס וועט זיכער האבן אן השפעה, און איר וועט זוכה זיין צו אלע ברכות האמורות....**

דעם שבה"ג (מוקדם) ביי די שבת הגדול דרשה אין ביהמ"ד הגדול דסאטמאר אין וויליאמסבורג, האט דער סאטמארער רבי שליט"א שארף מעורר געווען איבער די נושא, דערמאנענדיג אז די גאנצע נושא פון 'שייטלען' איז א שווערע דיעבד, אבער בעיקר די אסור'דיגע די 'יומען העיר', בפרט די 'וואס וואקסן כסדר אין די לענג' דאס איז אסור לגמרי, עס האט נישט קיין היתר פון קיינעם אויף די וועלט. עס איז אסור! אסור!

מידי שנה בשנה אין די ימי החנוכה, ווען דער ציבור פלעגט זיך צונויפקומען בצילו פון **רבינו הק' הברך משה זלה"ה**, האט ער לכה"פ איין נאכט אוועק געגעבן צו רעדן איבער די נושא פון צניעות.

דער רבי האט דעמאלטס געזאגט דברים כדרבונות, ער האט געזאגט דעם אמת, ער האט דערמאנט וואס איז די 'הלכה ברורה ומשנה ברורה 'בלי שום חולק, און ער האט זייער אסאך אויפטוהן. אסאך פירצות וואס האבן זיך אנגעהויבן צו איינרייסן ביים ציבור, האט זיך אפגעשטעלט נאך די פייערדיגע דיבורים פונעם רבי'ן ז"ל.

מאז ועד היום איז די נושא אין סאטמאר אלעמאל על הפרק, בזכות זה איז דער פרייליכער טייל פון די געשיכטע אז אין קרית יואל גייען צווישן 50-60% מיט שפיצלעך, און נאך 20% מיט איידעלע צניעות'דיגע שייטלען.

אבער, איבער די איבעריגע 25-30%, סיי אין קרית יואל און סיי אין אנדערע סאטמארע קהלות, איז נאך דא צו לאזן אסאך טרערן.

דאס איז די נישט-פרייליכע טייל פון די געשיכטע.

## א געשריי פון אלע ערליכע אידן אויף איינמאל!

מקצה הארץ זמירות שמענו.

אין די לעצטע תקופה איז די נושא ארויפגעקומען אויפ'ן סדר היום אויף גאר א שטארקן אופן, מקצה העולם ועד סופו.

מיר וועלן פרובירן צו גיין אויף א שטיקל סדר, קמא קמא דאתי לידן.

**כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א**, דער צדיק נשגב בדורינו וואס איז נקדש ונערץ ביי רבבות אידן - וועלכע פארן על אם הדרך מדי שבת בשבתו להסתופף בצלו צל הקודש - יעדעס ווארט וואס קומט נאר ארויס פון זיין איינגעהאלטענעם געמאסטענעם שפראך ווערט אויפגעכאפט בדחילו ורחימו ביי הונדערטער און טויזנטער אידן וואס זענען צמאים למוצא פיו, איז אין די לעצטע וואכן ארויס פון זיין געוועגליכן גדר.

ער האט יעצט, אין אן אויסערארדנטליכן שריט, אפגעשריבן א לענגערן מכתב קודש בכתב ידו וואו ער שרייבט קלאר אז אלע אונזערע צרות איז צוליב די היינטיגע 'האר שייטלען', און ער בענטשט אזויפיל ברכות פאר די אלע וואס וועלן זיך צופאסן צו די גדרי הצניעות והקדושה, וואס דאס איז דער אם כל האסונות, דאס ברענגט אלע צרות און אומגליקן ביי אידישע קינדער.

מי יתן והיה, אז די אלע אידן וואס האלטן פאר א זכי' צו באקומען שיריים - אדער א קורצע ברכה - פון דעם צדיק משיירי דור הקודם, זאלן דאס נעמען אין באטראכט אז דער פשעווארסקער רבי זאגט זייער קלאר אז די 'לאנגע שייטלען' דאס ברענגט אלע צרות, און דאס גיין בצניעות ברענגט אלע ברכות.

עס לאזט זיך פרעגן פון די אידן: פארוואס אויסגעבן אזויפיל געלט פאר לאנגע נסיעות קיין אנטווערפן, און האבן קארגע 10 סעקונדעס מיט'ן רבי'ן, ווען איר קומט צוריק צו א שטוב מיט פראסטע פריצות'דיגע שייטלען וואס זענען גורם אלע צרות?!

דער רבי האט אייך געשיקט א בריוו אהיים, לייענט דאס פאר ביים 'סדר טיש' פאר אייערע קינדער און אייניקלעך מיט טרערן אין די אויגן, עס וועט זיכער האבן אן השפעה, און איר וועט זוכה זיין צו אלע ברכות האמורות.

## א ווארט אין די סקווירא 'ספר תורה'...

ק"ק סקווירא האט מיטגעלעבט א היסטארישע 'הכנסת ספר תורה', פארגאנגענעם כ"ח שבט העעל"ט.

אויסער די רבבות וואס האבן מיטגעהאלטן די הכנסת ספר תורה אין שיכון סקווירא זענען געווען נאך רבבות וואס האבן מיטגעהאלטן וואס עס איז געלעגן **'אונטער' די הכנסת ספר תורה**, די טויזנטער קבלות בעניני טעכנאלאגיע, מיט וואס מ'האט געקויפט א זכות פון א 'ווארט' אין די ספר תורה.

און... נאך עפעס.

די טויזנטער קבלות טובות בעניני צניעות הנשים.

דער גרויסער מנהיג ישראל - דער עלטסטער רבי ביים יהדות החרדית כהיום הזה לאיוש"ט - **כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א**, איז ארויס פון יעדן גדר, פון אלע מנהגי וגדרי בית אבוה"ק לבית טשערנאבל, וירד מן ההר אל העם זיך אפגעבן מיט צניעות מלבושי הנשים. עפעס וואס איז בכלל נישט געווען מקובל אין דעם חצר הקודש, עפעס וואס זיינע אבות הקדושים האבן נישט עוסק געווען דערין אויף אן אפענעם אופן.

דער סקווירער רבי שליט"א האט במשך די לעצטע יארן גענומען די נושא פון צניעות הנשים אויף א גאר פערזענליכן אופן, ער האט שוין דערפאר מקריב געווען הונדערטער שעות, און פערזענליך מקדיש געווען מערערע דרשות פאר'ן עזרת נשים באופן פרטי.

וואס נאר ווער עס פארשטייט דעם באדייט אין 'סקווירא' צו ארויסגיין פון די אנגענומענע מנהגים, וואו מ'רעדט בכלל נישט פאר'ן ציבור

ברבים, און ווער רעדט נאך פאר'ן פרויען-שוהל, פארשטייט אז די גאנצע נושא איז עפעס וואס דער רבי שליט"א האט פארשטאנען אז דער אחריות הדור פארלאנגט דאס קריטיש, און כאטש דאס איז עפעס וואס מ'האט נישט געזען ביי די אבות הק' דארף מען דאס טון אלס אחריות פאר'ן דור.

טויזנטער נשים צדקניות פון סקווירא ומחוצה לה זענען איבערגענומען געווארן פון דעם ברען און התלהבות, און האבן געטוישט דעם לבוש אונטער'ן מפעל 'קדשינו'.

די מעלות הטהרה והקדושה האבן זיך פילפאכיג געהויבן אדאנק די הייליגע ספר תורה וואס מ'האט אזויפיל קבלות טובות און אזויפיל קדושה אריינגעלייגט אין יעדעס ווארט.

און ב"ה... די "הכנסת ספר תורה" האט געהויבן די גדרי הצניעות והקדושה ביי טויזנטער נשים צדקניות, אנגעהויבן אין שיכון סקווירא, אבער די השפעה איז געגאנגען 'ווייט ארויס פון די מייל ארום סקווירא'. מ'האט אונטערגעשריבן קבלות טובות, און מען האט געוואלט זיין א חלק פון די ספר תורה.

ושכינה הקדושה מה אומרת... אשרינו מה טוב חלקינו!

## בני ציון יגילו במלכם

אז מיר געבן א בליק אויף ק"ק באבוב.

ווער עס האלט מיט דעם מציאות כהיום הזה וואס עס טוט זיך דארט, א אמת'ע מהפיכה פון וואס עס איז געווען מיט יארן פריער.

דער **באבוב'ער רבי שליט"א** האט געזאגט פייערדיגע דרשות מעומק לבבו הטהור איבער די נושא. נאכגעפאלגט פונעם דיין שליט"א מיט הוראות מפורטות, אלעס אז די נושא פון שייטלעך דאס איז עפעס וואס דארף א קאנטראל, און אן הוראה כלליות א שייטל וואס באריכט דעם אקסל איז אסור!

אין די דרשה פונעם דיין שליט"א איז אראפ געשטעלט געווארן די דעת תורה פון הייליגן דברי חיים זי"ע ללא כחל ושרק, און די תוצאות איז למעלה מן המשוער.

נישט אנדערש איז דער מצב אין ק"ק באבוב-45, עס ווערן געזאגט פייערדיגע דרשות פונם רבי'ן שליט"א אין די הייליגסטע זמנים פון יאר. עס ווערן פאררופן גרויסע אסיפות. עס ווערן נתפרסם מאמרים און בירורי הלכות אין די נושא פון שייטלען, יעדע כלה פאר די חתונה דארף קובע זיין די גדרים וסייגים גענוי בנוגע דעם גדר כיסוי הראש, עס גייט פייער!

הונדערטער און הונדערטער נשים צדקניות, פון יעדן עלטער, שטעלן צו זייערע שייטלען איידל און אויסגעהאלטן, לכל הפחות עס זאל שטימען כאטש לויט די מתירים.

יא יא, עס גייען די שמועות אז אויפן יו"ט פסח וועט שוין זיין עטליכע מנינים 'שפיצלעך' פון חסידי באבוב! דער הייליגער דברי חיים זי"ע בגנזי מרומים שעפט זיכער נחת מלא חפניים.

כה לחי! אשרי העם שככה לו!

## ועל זקני שארית עמך בית ישראל...

מיר וועלן דא צולייגן די פייערדיגע דברות קודש פונעם זקן ראשי ישיבות דער שריד לדור דעה **הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער שליט"א** - דער לעצטער תלמיד בימינו אלה פון הגאונים הקדושים: מהרי"צ דושינסקי זלה"ה, פון חזון איש זלה"ה, פון **בריסקער רב** זלה"ה - וואס האט זיך צושריגן מיט א פייערדיגער ברען פארגאנגענעם יום הקדוש פאר כל נדרי:

**"דער אייבערשטער האט געגעבן א קרוין פאר די נשים צדקניות, דאס איז די מצוה פון כיסוי שער, אפילו נאך די גאנצע שערורי' וואס די אחרונים האבן דן געווען איבער דעם ענין פון א שייטל, איז אבער זיכער אז די לאנגע שייטלען וואס איז דא היינטיגע צייטן וואס גייען לענגער פון די אקסלען, אזא שייטל איז נאכנישט געווען קיין נברא אויף די וועלט וואס האט מתיר געווען דאס אנצוטון".**

**"דער אייבערשטער האט געגעבן א קרוין פאר די נשים צדקניות, דאס איז די מצוה פון כיסוי שער, אפילו נאך די גאנצע שערורי' וואס די אחרונים האבן דן געווען איבער דעם ענין פון א שייטל, איז אבער זיכער אז די לאנגע שייטלען וואס איז דא היינטיגע צייטן וואס גייען לענגער פון די אקסלען, אזא שייטל איז נאכנישט געווען קיין נברא אויף די וועלט וואס האט מתיר געווען דאס אנצוטון".**

**"איך בין זיכער אז ביי אונז, ביי אזא חשוב'ער ציבור איז נישט אנגעקומען די זאך, אבער, אויב בטעות איז מען נכשל געווארן מיט דעם, אז ווער עס וועט נעמען א מעסער מוצאי יום כיפור, און וועט אפשניידן די לאנגע האר וועט זיכער פון אזא שטוב ארויסגיין קינדער צדיקים, גדולי תורה ויראה, איך האב נישט דערין קיין שום ספק".**

דער זקן ראשי ישיבות צו לאנגע געזונטע יארן האט געוויינט יום הקדוש ביינאכט מיט די ספר תורה אין די הענט:

"איך בין זיכער אז ביי אונז, ביי אזא חשוב'ער ציבור איז נישט אנגעקומען די זאך, אבער, אויב בטעות איז מען נכשל געווארן מיט דעם, **אז ווער עס וועט נעמען א מעסער מוצאי יום כיפור, און וועט אפשניידן די לאנגע האר וועט זיכער פון אזא שטוב ארויסגיין קינדער צדיקים, גדולי תורה ויראה, איך האב נישט דערין קיין שום ספק".**

אט דא שטייען מיר כהיום הזה ערבי פסחים תשפ"ה.

## מיר ווילן נישט לעבן אין קיין סתירות

טייערע נשים צדקניות:

מיר אלע גייען דורך נישט לייכטע צייטן אויף די וועלט, מיר מוטשענען זיך מיט פרנסה, מיר מוטשענען זיך מיט אידיש נחת, מיט מוטשענען זיך מיט געזונט מצבים. יעדער פון אונז האט א רשימה מיט זאכן וואס מיר וואלטן זיכער געוואלט אז עס זאל אונז גיין בעסער.

מיר זענען אז אלע מנהיגי ישראל, אפילו מנהיגים פון קהילות קדושות וואו מ'איז ביז היינט נישט געווען רגיל צו רעדן אין די ענינים ברבים, אבער יעדער האט דאס ארויפגענומען צום סדר היום, יעדער האט דאס געלייגט אויפ'ן פראנט.

יעדער זאגט קלאר: **א שייטל אזויווי האר איז אסור! עס האט נישט קיין היתר פון קיין איין גדול בישראל! בפרט די לאנגע פריצות'דיגע שייטלען.**

נאכאמאל: "ביי אונז איז מאשין מצות "חמץ גמור", אבער עס איז פארט דא גדולי ישראל וואס האבן דאס מתיר געווען".

"א אידישע פרוי וואס עסט "שמורה מצות", נישט 'געבראקטס', און נוצט נישט קיין לעפל וואס איז אראפגעפאלן אינמיטן אויף דער ערד, אבער זי גייט מיט א פריצות'דיגע 'יומען העיר שייטל', איז בלאף! שקר! זי איז עובר מיט אפענע דאורייתא'ס, חוטא ומחטיא את עצמה ואת הרבים, און אזוי פראוועט מען חומרות?!

נאכאמאל: **א פריצות'דיגע שייטל איז אסור! קיינער, און נאכאמאל קיינער האט דאס נישט מתיר געווען!**

אז מ'האלט שוין אין אלע קהילות קדושות בישראל האט מען זיך גענומען דערצו, יעדער טוט שוין, יעדער איז שוין מתקן, איבעראל וועקט מען זיך שוין אויף פון שלאף, איז שוין זיכער די צייט אז אויך ביי די 'סמעטענע' זאל מען זיך א כאפ טון.

אויב זעט איר אזא סארט בעל הבית'ישער איד וואס וויל נאך וויסן ווי אזוי דער רבי ז"ל האט זיך געפירט בנוגע ווען צו זאגן די יוצרות שבת

ערב פסח, האלט אייך נישט צוריק און פרעגט אים "בנוגע זאגן א ברכה ביי אייך אין שטוב קעגן די אפענע האר-שייטלען, האט איר שוין מברר געווען?!"

"בנוגע אכילת מצה, ווען עס איז דא חמץ גמור אין שטוב, האט איר שוין מברר געווען?!"

וויפיל קען מען בלאפן און ארומפאפן אז מ'וויל טוהן דעם רבי'נס רצון, ווען מ'קריכט ארום אויף די זייטיגע זאכן, און אין די זעלבע צייט דרייט מען זיך מיט'ן 'שרץ ביד', מיט די אסור'דיגע שייטל וואס ברענגט אומגליקן אויף די אייגענע שטוב און אויפ'ן גאנצן ארום.

מורי ורבותי! עס איז א זמן פון הכרזה: על ביעור חמץ! ארויס מיט די גע'אסר'טע שייטלען! עס איז חמץ גמור מיט'ן פסק פון אלע פוסקים, פון אלע גדולי ישראל.

## אוי, איך וויל האבן גוטע קינדער...

בפרט כהיום הזה, ווען אידן וויינען אזויפיל אויף עמלינו אלו הבנים, מען מאכט אזויפיל מיט צרות יגון ואנחה ביז מ'זעט א בחור ארויס פון די ישיבה מיט גאנצע ביינער, אלס ערליכער בן תורה.

דא שטייט אן אלטער ראש ישיבה, א גאון עולם, א מסירות נפש איד פון אריבער די הונדערט, וואס האט אויף זיין קאנטע איבער אכציג יאר פון הרבצת התורה – און ער וויינט צו אונז במר לבבו, ער זאגט נאך פון זיינע רבי'ס "שניידט אפ די לאנגע שייטלען וועט איר האבן גוטע קינדער", ער זאגט קלאר אז קיין נברא בעולם האט נישט מתיר געווען די שייטלען, און ער איז נישט מסופק אז וועט עס וועט דאס אפשניידן וועט זוכה זיין צו גרויסע געהויבענע קינדער.

**א שייטל אזוי ווי האר איז אסור! עס האט נישט קיין היתר פון קיין איין גדול בישראל! בפרט די לאנגע פריצות'דיגע שייטלען.**

**נאכאמאל: "ביי אונז איז מאשין מצות "חמץ גמור", אבער עס איז פארט דא גדולי ישראל וואס האבן דאס מתיר געווען".**

**"א אידישע פרוי וואס עסט "שמורה מצות", נישט 'געבראקטס', און נוצט נישט קיין לעפל וואס איז אראפגעפאלן אינמיטן אויף דער ערד, אבער זי גייט מיט א פריצות'דיגע 'יומען העיר שייטל', איז בלאף! שקר! זי איז עובר מיט אפענע דאורייתא'ס, חוטא ומחטיא את עצמה ואת הרבים, און אזוי פראוועט מען חומרות?!**

**נאכאמאל: א פריצות'דיגע שייטל איז אסור! קיינער, און נאכאמאל קיינער האט דאס נישט מתיר געווען!**

נשים רחמניות! איר האט די אפציע אויפ'ן טיש, גוטע קינדער אדער פריצות'דיגע שייטלען וואס פאראומגליקליכן אייך, אייער משפחה, און ברענגען אלע צרות אויף כלל ישראל.

יא, אין אנדערע קהילות הערט מען הערליכע גריסן, מ'רוקט זיך ב"ה כסדר מער און מער אויפן פראנט ארויף, מ'פארבעסערט זיך אלס שטארקער אינעם ענין פון כיסוי הראש.

אבער, וואס טוט זיך מיט אונזערע היימישע קהילות וואס האבן ביז היינט געטראגן דעם פאן פון קדושה וצניעות.

צי שטייען מיר נאך יעצט אויך אויפן פראנט?! אדער, ווען מיר געבן די געלעגנהייט פאר אנדערע זאלן אונז איבערשטייגן, און מיר זאלן חס ושלום בלייבן אונטערשטעליג.

## אויב א שייטל, איז דער זיידע נישט געווען ביי די חופה

אפשר מעג מען מוסיף זיין א פרט פאר די בדחנים וואס גרייטן זיך יעצט צו די ווארימע דברי התעוררות פאר די הונדערטער חתונות אויף נאך שבועות.

הרה"ח ר' יעקב אקער שליט"א פון קרית יואל וועלכער האט זוכה געווען צו משמש זיין ביי הרה"ק **רבי יודא'לע הורוויץ זצוק"ל פון דזשיקוב**, און צוזעהן זיין הייליגע עבודה בינו לבין קונו, וויאזוי ער האט געדינט דעם רבש"ע בהסתר בתוך הסתר, דערציילט אונז: איין טאג קומט אריין א וויזשניצער חסיד צו רבי יודא'לע, און זאגט אים "א גרוס פונעם אלטן רבי'ן"... (זקנו, אבי אמו, הגה"ק בעל אהבת ישראל מוויזשניץ זלה"ה.)

פרעגט רבי יודא'לע "פון וואו איז דער גרוס?", זאגט דער איד "נעכטן איז געווען א חתונה אין וויזשניצער הויף, און די הייליגע זיידעס זענען אראפגעקומען פון גן עדן".

זאגט רבי יודא'לע, **"אויב איז געווען א שייטל ביי די חופה, איז דער אלטער רבי נישט געקומען"!**

איר הערט?! **א שאד צו מעורר זיין זכות אבות און ברענגען טרערן ביי די חתונות איבער די זיידעס, אויב זענען זיי בכלל נישט דארט!**

און נאך א מעשה נורא וואס זאגט פון זיך זייער אסאך וואס מיר האבן געהערט פון דעם בארימטן מרביץ תורה ומזכה הרבים ועושה חסד הרה"ח ר' יושע ארי' גראס שליט"א: "מיין מאמע ע"ה האט געהאט די זכי' צו קאכן די סעודות אין שטוב פון הרה"ק **בעל נועם אליעזר מסקולען זצוק"ל** במשך די לעצטע זיבן יאר פון זיין לעבן.

זי פלעגט גיין אנגעטון מיט אן אפענע שייטל - עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען אז די אמאליגע שייטלען האבן נישט אויסגעזען קיין כי הוא זה ווי די היינטיגע האר-אויסזעענדע שייטלען - און דער סקולענער רבי האט זיך אויסגענומען מיט איר א תנאי, אז בשעת זי געפינט זיך ביי אים אין שטוב דארף דאס שייטל זיין צוגעדעקט. וכך הוה.

איינמאל ווען זי האט שוין געהאלטן ביים אהיימגיין, און זי האט זיך שוין צוזאמען געפאקט האט זי אראפגענומען דעם צודעק פון קאפ, און דאן האט זי זיך דערמאנט אז זי דארף נאך עפעס נעמען, איז זי צוריק אריין אין צימער וואו דער סקולענער רבי איז געזיצן.

דער סקולענער רבי איז געווען א סגי נהור ל"ע, און אודאי האט ער נישט אויפגעהויבן די אויגן ווען א פרוי איז געווען אין צימער, אבער לפלא ווי ער האט באלד מרגיש געווען און זיך אנגערופן "מרת גראס האט זיך צוגעדעקט דאס שייטל?". האט דער גבאי געזאגט אז זי איז נאר אריינגעקומען פאר א מינוט און זי גייט שוין אהיים.

האט זיך דער סקולענער רבי אנגערופן צו איר "מ'האט דאך עפעס אפגעשמועסט, ניין?!". זי האט זיך אנטשולדיגט און צוגעזאגט אז דאס וועט מער נישט פאסירן.

די מעשה איז א פלא, ווי דער צדיק האט דאס מרגיש געווען אפילו ער האט נישט געזען, און ווי שטארק דאס האט אים וויי געטון און געשטערט אפילו עס איז נאר געווען אויף איין מינוט.

דאס זאגט זייער אסאך, אז יעדע אפענע שייטל - אפילו די אמאליגע 'סטיל-וואל' שייטלען - האט געברענגט א שווערע הרגשה פארן צדיק, און ווער רעדט נאך וואספארא שווערע הרגשות ברענגט די היינטיגע פריצות'דיגע האר- שייטלען.

נאר מיר האבן נישט די הרגשה פון די אמאליגע צדיקי אמת.

עם ה' חזקו ונתחזקה.

לאמיר צוגיין צום פסח מיט גוטע קבלות, מיט'ן מחזק זיין די עמודי הצניעות והקדושה, ובזכות שלא שינו לבושם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה.